# פרשת וישב כ׳ - כ״ו כסלו תשפ״א לפ״ק

***יום ראשון פרשת וישב***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **מנחם צבי מענדלאוויטש** הי״ו. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר״ר **יוסף שמואל** (ב״ר משה יהודה) **הירש** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט״א** אצל הברית של בן הר״ר **אברהם יהודה ראזענפעלד** הי״ו, שהתקיים בבית חמיו הר״ר **זלמן לייב מארקאוויטש** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות הצהרים ביקר **רבינו שליט״א** בשטח הבניה של הישיבה גדולה ההולך ונבנה בשכונת איסט-פלעטבוש לשם ולתפארת.

אחר כך נסע **רבינו שליט״א** לישיבה קטנה והשתתף אצל השבע ברכות שנערכה לכבוד נישואי בת **הרב פישל לעווי שליט״א** (מנהל רוחני דישיבה קטנה), שהתקיים ביחד עם סיום מסכת גיטין (שנלמדה במשך השנה שעברה), ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז פאר מיר א שמחה אטייל צו נעמען דא ביי די סעודת מצוה, סיי די סעודת סיום מסכתא וואס די בחורים האבן זיך געפלאגט א גאנץ יאר, און זיי האבן מסיים געווען די מסכת. עס איז א געוואלדיגע שמחה, עבידנא יומא טבא לרבנן. און ספעציעל די שמחה פון שבע ברכות פונעם חשובן מנהל, מען האט פריער געהערט, אז ער וואוינט דא מער ווי ער וואוינט אינדערהיים. איז עס א געוואלדיגע שמחה פאר אונז.

**איך** האב געטראכט, די גמרא (בבא בתרא ח:) זאגט, ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד (דניאל יב-ג), אז די וואס לערנען תורה מיט אנדערע, זיי זענען מצדיקי הרבים, און זיי וועלן שיינען אזוי ווי די כוכבים. די גמרא ברענגט דערויף, ווער איז געווען פון די מצדיקי הרבים, ווער איז געווען דער רבי וואס האט אזוי געלערנט מיט תלמידים, אז מען גיט אים דעם טיטול פון מצדיקי הרבים. זאגט די גמרא, אז עס איז געווען אן אמורא וואס האט געהייסן רב שמואל בר שילת, וואס ער פלעג צו לערנען מיט תלמידים, און ער האט זיך ממש אוועקגעגעבן פאר די תלמידים דאס גאנצע לעבן.

**די** גמרא פארציילט, אז אמאל האט מען אים געטראפן אז ער איז נישט געווען אין בית המדרש, ער איז געווען אינדרויסן, ער האט זיך אומגעקוקט אויף א פעלד וואס איז געווען דארט. און מען האט אים פארגעהאלטן, שבקתיה להימנותך, דו האסט איבערגעלאזט דיין געטרייקייט צו די תלמידים, און דו ביסט אינדרויסן פון שטוב. האט ער געזאגט צוויי זאכן. איינס, שוין יארן וואס איך האב נישט ארויסגעטרעטן פון בית המדרש דא אויף דעם פלאץ, און יעצט נאך אזויפיל יארן בין איך ארויסגעקומען דאס ערשטע מאל אהער. צווייטנס, אפילו ווען איך בין דא, איך בין טאקע דא, אבער מיין קאפ איז נישט דא. עס איז דעתאי עלויהו, מיין קאפ איז ווייטער אויף די תלמידים. דאס איז טייטש, די גמרא ברענגט ארויס וואס דאס איז טייטש א געטרייקייט פון א מגיד שיעור, און פון א מנהל, וואס לערנט תורה מיט אנדערע. איינס, אז ער לאזט קיינמאל נישט איבער. ווען ער האט א מעגליכקייט, איז ער צוזאמען מיט די תלמידים. מען מוז דאך אמאל איבערלאזן, מען מוז דאך אוועקגיין, אבער מען איז נישט מסיח דעת, דער דעת איז שטענדיג, וואס טוט זיך יעצט אין ישיבה, וואס דארף מען מסדר זיין, וואס דארף מען ארויסהעלפן ראובן, שמעון, און לוי. און דאס איז די מצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד, דאס איז דער גרעסטער זכות וואס א מענטש קען טון, צו זיין פון די מצדיקי הרבים.

**עס** דארף אבער האבן א ביאור, וואס האט ער געענטפערט, אז איך טראכט אויף זיי. על כן, און אז דו טראכסט אויף זיי, אבער סוף כל סוף דו האסט זיי איבערגעלאזט. וואס האבן די בחורים פון דעם וואס דו טראכסט אויף זיי ווען דו ביסט נישט דארטן, סוף כל סוף האסטו זיי איבערגעלאזט. די נקודה וואס

איז נוגע פאר די תלמידים, וואס ווען דו ביסט דארט איז דא א געוויסע לימוד וואס מען לערנט, עס איז דא א געוויסע הכנעה, א השפעה וואס מען לאזט איבער. אבער אז דו ביסט נישט דארט, איז מען נישט דארט. וואס איז דער דעתאי עלויהו, ווייל איך האב אינזין, איז וועגן דעם האט עס משלים געווען אז עס איז נישט קיין שבקתיה להימנותך.

**איך** האב געטראכט, איך האב געזעהן די וואך צוברענגען א ווארט פונעם **נתיבות שלום**. די וואך אין די פרשה איז דא די מעשה מיט יוסף, וואס די ברודערס האבן אים פארקויפט, ער איז אראפגעגאנגען אויף מצרים, און ער האט געהאט א נסיון אין מצרים. און די תורה זאגט די וואך אין די פרשה צוויי מאל די ווארט 'וימאן'. ביי יוסף שטייט ער האט געהאט א נסיון פון אן עבירה, וימאן (בראשית לט-ח), ער האט געזאגט ניין, איך גיי נישט טון די עבירה. נאכדעם איז דא נאכאמאל די וואך אין די פרשה וימאן, ביי יעקב אבינו, וימאן להתנחם (שם לז-לה). ער האט געזעהן וואס עס גייט פאר מיט יוסף, חיה רעה אכלתהו, און צוויי און צוואנציג יאר האט ער זיך נישט געקענט טרייסטן. וויפיל מען האט אים געטרייסט, האט ער אייביג געדענקט אויף יוסף.

**אין** די גמרא (סוטה לו:) שטייט, אז בשעת יוסף האט געהאט דעם נסיון, איז נראת לו דמות דיוקנו של אביו, ער האט געזעהן די צורה פון יעקב אבינו, און דאס האט אים געגעבן חיזוק אז ער זאלביישטיין דעם נסיון. האט דער נתיבות שלום געזאגט, [צו עס האט א מקור פון פריער אויך], פארוואס האט מען פון הימל צוגעפירט, אז יעקב זאל זיצן אין אן אבילות צוויי און צוואנציג יאר, ער זאל זיך נישט קענען טרייסטן. סוף כל סוף אויף יעדן מענטש וואס גייט אדורך א אומגליק אינעם לעבן, עס איז טאקע שווער, אבער פון דעסטוועגן דאך קומט אמאל א צייט וואס מען בארוהיגט זיך. יעקב האט זיך נישט בארוהיגט, די גאנצע צוויי און צוואנציג יאר לא שרתה עליו שכינה, ביז ער האט געטראפן יוסף.

**האט** ער געזאגט, אז דער טעם דערפון איז, ווייל **ווען א צדיק טראכט אויף א מענטש, האט ער א קשר מיט אים. און די קדושה פון דעם צדיק, איז מגין אויף דעם מענטש פון וועם ער טראכט, ער זאל נישט נכשל ווערן אין קיין חטא**. כדי אז יוסף זאל זיך קענען האלטן אין מצרים מיט אזא קדושה, האט דער אייבערשטער צוגעפירט, אז יעקב זאל נישט מסיח דעת זיין פון יוסף די גאנצע צייט. און אז יעקב איז נישט מסיח דעת פון יוסף, איז יוסף צוגעבינדן צו יעקב, און דורכדעם האט זיך יוסף געקענט האלטן אין מצרים. האט מען צוגעפירט פון הימל וימאן להתנחם, אז יעקב זאל זיך נישט קענען טרייסטן אויף יוסף, האט ער דאך שטענדיג געטראכט פון אים, איז ווען יוסף האט געהאט א נסיון, איז נראת לו דמות דיוקנו של אביו, האט ער געזעהן דעם פאטער.

**די** צוויי וימאן'ס זענען פארבינדן איינס מיט דאס אנדערע. ווי אזוי האט יוסף געקענט צוקומען צו די מדריגה פון וימאן, אז ער האט נישט געוואלט. ווייל וימאן להתנחם, אזוי ווי יעקב האט געטראכט אויף אים, און יעקב האט נישט מסיח דעת געווען פון יוסף, האט עס געהאלטן יוסף אין די מדריגה פון זיין קדושה. - **און דאס איז דער ענין וואס מען פלעגט צו גיין צו א צדיק, געווען מקושר צו א צדיק. ווען דער צדיק האט א קשר, און ער טראכט אויף דעם מענטש, האט ער אן השפעה אז די ערליכקייט זאל נישט אוועקגיין פון דעם מענטש מיט וועם ער איז מקושר.**

**עס** קען זיין מיט דעם דער פשט אין די גמרא. רב שמואל בר שילת האט געזאגט, עטץ מיינטס אז ווען איך גיי אוועק פון די תלמידים, האב איך נישט מיט זיי קיין קשר, איך האלט זיי נישט, ווייל איך בין נישט צוזאמען מיט זיי, און עס פעלט די ערליכקייט וואס עס דארף צו זיין. אפילו ווען איך בין נישט דארט, דעתאי עלויהו, מיין קאפ איז דארטן, און אזוי ווי מיין קאפ איז דארטן, בין איך צוגעבינדען מיט די תלמידים, אז אפילו ווען איך בין אינדרויסן, איז דא די השפעה אויף די תלמידים. עס פעלט זיי גארנישט, אפילו ווען איך בין נישט דארט ביי זיי, ווייל עס איז דעתאי עלויהו, מיין דעת איז אויף זיי. און דער דעת וואס איז אויף זיי, דאס איז אונז מקשר צוזאמען, אז אפילו בשעת איך בין נישט אין בית המדרש, איז כאילו איך וואלט געווען דארט. איז נישט קיין שבקתיה להימנותך, ער האט גארנישט איבערגעלאזט מיט דעם וואס ער איז אוועקגעגאנגען. אז מען קען זיין אין די מדריגה פון דעתאי עלויהו, אז דער גאנצער דעת איז דארטן ביי די תלמידים, איז נישט קיין נפקא מינה צו

מען איז דארט צו מען איז נישט דארט, עס לאזט איבער די השפעה אויף די תלמידים אפילו ווען מען איז נישט צוזאמען.

**איך** מיין אז אין אונזער פאל, ווייסט דאך יעדער איינער, אונזער חשוב'ער מנהל וואס איז דער בעל שמחה יעצט, אפילו ווען ער איז נישט דא, עס איז דעתאי עלויהו, דער קאפ איז שטענדיג דא. ער איז דא בפועל אויך, נאר אפילו ווען עס מאכט זיך דאך אמאל וואס מען קען נישט זיין דא בפועל, אבער עס איז דעתאי עלויהו, דער דעת איז שטענדיג אויף די בחורים. און דאס איז מקשר די בחורים, יעדער בחור טראכט ווען ער טוט עפעס, דער מנהל וועט באלד אנקומען און מען דארף זיך היטן... עס איז דעתאי עלויהו, דער דעת וואס עס איז דא פון רב שמואל בר שילת אויף די תלמידים, דאס האט איבערגעלאזט די השפעה.

**עס** איז באמת ביי מיר א געוואלדיגער הכרת הטוב, פון מיר פערזענליך, פון די מגידי שיעור, און איך מיין אז פון די בחורים אויך, אפילו זיי פארשטייען עס נישט יעצט, עס וועט קומען אמאל א צייט ווען זיי וועלן עס פארשטיין, און זיי וועלן וויסן די געוואלדיגע הכרת הטוב וואס זיי זענען שולדיג, אז ב"ה אז מען זיצט און מען לערנט, און אלעס פירט זיך כסדר ווי עס דארף צו זיין. אז עס איז דא בעלים לבירה, עס איז דא איינער וואס עס שטייט און ער קלאפט אויף יעדן גראז אז ער זאל וואקסן, ווי דער מלאך וואס איז דא אויף יעדן עשב, וואס זאגט אים גדל (ב"ר י-ו). זאל דער אייבערשטער געבן, ער זאל קענען ווייטער אויך מרביץ תורה זיין מיט נחת און הרחבת הדעת, און זעהן אסאך יודיש נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער, מתוך שמחה וטוב לבב. אונז אלע זאל מיר זוכה זיין אי"ה מסיים צו זיין אסאך מסכתות, און זיך פרייען איינער מיטן אנדערנס שמחה, און זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יעקב ראכליץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **פנחס ראטה** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה.

אחר החופה הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **שלום צבי פריעדמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מנשה כהנא** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ב סעיף ט"ו) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, וישלח יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו, יעקב האט געשיקט מלאכים צו עשו, ארצה שעיר שדה אדום (לב-ד). ער האט געשיקט מלאכים וואס זענען געווען לפניו, אזוי ווי עס שטייט אין די פריערדיגע פרשה, אז די מלאכים זענען געווען ביי יעקב, און זיי האט ער געשיקט צו עשו. און ער גיט די אדרעס ווי עשו האט געוואוינט, אין ארצה שעיר שדה אדום. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז א נפקא מינה פונקטליך ווי ער האט געוואוינט. ער האט געשיקט צו עשו, וואס איז עפעס א חילוק וואו עשו איז? און וואס איז דער וישלח יעקב מלאכים לפניו, ער האט געשיקט לפניו פאר אים.

**אין** די פריערדיגע פרשה, ווען יעקב האט זיך אפגעטיילט פון לבן, שטייט אין פסוק (בראשית לב-ב) ויעקב הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכי אלקים, ער האט זיך באגעגנט מיט מלאכי אלקים. ווען יעקב האט זיי געזעהן האט ער געזאגט מחנה אלקים זה, עס איז א מחנה אלקים. און ער האט גערופן דעם פלאץ מחניים, צוויי מחנות. רש"י טייטשט, אז יעקב איז דאך געווען אין חוץ לארץ, ער האט געהאלטן ביים אריינגיין קיין ארץ ישראל, זענען די מלאכי ארץ ישראל געקומען באגלייטן יעקב אבינו. ויפגעו בו מלאכי אלקים, ער האט געזעהן די מלאכים פון ארץ ישראל זענען געקומען, און ער האט דאך געהאט מלאכים פון חוץ לארץ, האט ער געזאגט מחניים, עס איז דא צוויי מחנות, די מלאכים פון ארץ ישראל, מיט די מלאכים פון חוץ לארץ.

**עס** דארף האבן א ביאור, וואס איז דער לשון ויפגעו בו מלאכי אלקים, מען האט זיך באגעגענט מיט די מלאכי אלקים. פגיעה איז בדרך כלל, ווען איינער

גייט אויף מזרח, און יענער קומט פון מזרח, און מען באגעגענט זיך, דאס איז טייטש פגיעה, זיי האבן זיך באגעגענט איינער מיטן צווייטן. מען געפונט ביי אברהם אבינו אז ער האט אויך געהאט מלאכים, וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו (שם יח-ב). א מלאך קומט אראפ פון אויבן, עס זענען אראפגעקומען מלאכי אלקים אונטען צו יעקב. פארוואס שטייט ויפגעו בו מלאכי אלקים.

**נאכדעם** געפונט מען אין רש"י ביים סולם (בראשית כח-יב), אז יעקב האט געזעהן מלאכים עולים ויורדים, זיי גייען ארויף, און זיי קומען אראפ. פרעגט רש"י, קודם איז דאך יורדים, זיי דארפן קודם אראפקומען. זאגט רש"י, ער איז דאך יעצט ארויסגעגאנגען פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ, איז קודם עולים זענען די מלאכים פון ארץ ישראל ארויפגעגאנגען, ויורדים, נאכדעם זענען אראפגעקומען די מלאכים פון חוץ לארץ. זעהט מען דאך אז קודם גייען ארויף איין פאר מלאכים, און נאכדעם קומען אראפ די צווייטע. והנה ה' נצב עליו, לשומרו, דער אייבערשטער האט אים געהיטן, אין די צייט וואס די מלאכים זענען ארויף און אראפ, איז דער אייבערשטער געשטאנען און ער האט אים געהיטן. איז דאך קיינמאל נישט דא קיין צוויי מחנות צוזאמען. ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון ארץ ישראל אויף חוץ לארץ, זענען ארויפגעגאנגען די מלאכי ארץ ישראל, דאס איז דער עולים. נאכדעם איז געווען יורדים, זענען אראפגעקומען די צווייטע. איז דאך דא אז ער קומט אריין אויף ארץ ישראל, דארף זיין קודם עולים, זאל ארויפגייען איין פאר מלאכים, און נאכדעם יורדים, קומען אראפ די אנדערע. און פארוואס פונקט דעם פלאץ האט ער גערופן מחניים, די צוויי מחנות.

**עס** קען זיין דער פשט דערפון איז. עס שטייט אין רש"י (במדבר כא-טו), ווען יודען זענען אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, איז געווען א נחל, א טאל, אינדערמיט, און זיי האבן געדארפט אדורכגיין צווישן צוויי בערג. די אמוריים האבן זיך באהאלטן אויף די בערג, אז ווען יודען וועלן אדורכגיין אין דעם טאל, וועלן זיי ווארפען חיצים מיט בליסטראות, און זיי וועלן אויס'הרג'נען יודען. דערווייל זענען זיך צוזאמגעקומען די צוויי בערג צוזאמען. דא האט ארויסגעשטארט פונעם בארג, און דא איז געווען א לאך אינעם בארג, און זיי האבן זיך באהאפטן איינס מיט דאס אנדערע, און עס האט צוקוועטשט די אלע אמוריים וואס זענען דארט געווען, און זיי זענען אלע געשטארבען. יודען זענען אדורכגעגאנגען, און זיי האבן נישט געוואוסט, ווייל דער ענן האט דאך פאר זיי גראד געמאכט די בערג. נאכדעם וואס זיי זענען אדורכגעגאנגען, האט דער אייבערשטער צוריק געעפענט די צוויי בערג, און עס האט אנגעהויבן ארויסצוקומען די בלוט פון זיי, און דער באר האט עס געטראגן, און אויף דעם איז געווען די שירה פון דעם באר אין פרשת חוקת.

**זאגט** רש"י, וואס איז געווען דער ענין אז דער בארג האט זיך באהאפטען צו יענעם בארג. זאגט רש"י ווען יודען זענען אריינגעקומען אויף ארץ ישראל, איז אזוי ווי א שפחה גייט אקעגן גבירתה, ווען עס קומען אן איר הערנטע איז זי מקבל פנים, אזוי אויך ווען יודען גייען אריין אויף ארץ ישראל, נזדעזע ארץ ישראל, האט זיך גאנץ ארץ ישראל גערוקט, און עס איז אקעגן געקומען כלל ישראל, דורכדעם האבן זיך די צוויי בערג באהאפטן איינס מיט דאס אנדערע.

**ווען** כלל ישראל איז אריין אויף ארץ ישראל, איז ארץ ישראל אקעגן געקומען, די בערג אליין האבן זיך גערוקט, איז ווען יעקב אבינו מיט די שבטים, וואס דאס איז דאך גאנץ כלל ישראל, גייען אריין יעצט צוריק אויף ארץ ישראל, האט זיך ארץ ישראל גערוקט, און עס איז אקעגן געקומען מקבל פנים זיין יעקב. - דער **רמב"ן** (בראשית כח-יב) שטעלט זיך, און ער פרעגט, אז עס איז נאך געווען א ווייטע וועג פון דא ביז ארץ ישראל. ער איז געווען ביי מעבר יבק, און ער האט נאך געדארפט אדורכגיין עמון מואב אדום, ביז ער קומט אן אויף ארץ ישראל. ווי קומען אהער מלאכי ארץ ישראל, אזוי פרעגט דער רמב"ן. - לויט דעם איז דער פשט, ווייל ארץ ישראל איז געקומען מקבל פנים זיין דארט ווי יעקב איז געווען, איז דא געווארן א חלק פון ארץ ישראל.

**די** מלאכים האבן נישט געקענט אראפקומען פון אויבן צו יעקב אבינו, עס איז דאך געווען מלאכי ארץ ישראל, און יעקב איז דאך אין חוץ לארץ. די מלאכים קענען נאר אראפקומען אין ארץ ישראל, זענען מלאכים אראפגעקומען אין ארץ ישראל, און ארץ ישראל איז אקעגן געקומען יעקב אבינו, איז

ויפגעו בו מלאכי אלקים, מען האט זיך באגעגענט. עס איז נישט געווען מלאכים וואס זענען געקומען פון אויבן אראפ, נאר די מלאכים זענען אראפ אין ארץ ישראל, און ארץ ישראל איז געקומען אקעגן יעקב. ממילא האט ער געהאט דא די מלאכים פון ארץ ישראל, ווייל זיי זענען נישט ארויסגעגאנגען אויף חוץ לארץ, די מלאכים זענען דאך געבליבן אין ארץ ישראל.

**עס** איז געווען א אינטערעסאנטע היכי תמצא, אז דארט ווי יעקב אבינו איז געווען, איז געווען חוץ לארץ, ער איז דאך געווען אין חוץ לארץ. און ארץ ישראל איז אים אקעגן געקומען, האט ער געהאט דאביידע, ער האט געהאט סיי מלאכים פון חוץ לארץ, און סיי מלאכים פון ארץ ישראל. די מלאכי חוץ לארץ זענען נאך נישט ארויפגעגאנגען, ווייל ער איז דאך נאך אין חוץ לארץ, ער דארף דאך אדורכגיין עמון ומואב און אדום ביז ער קומט אן. און מלאכי ארץ ישראל האבן געקענט זיין דא, ווייל זיי האבן דאך געהאט דא די ערד פון ארץ ישראל. אז ער האט געזעהן ויפגעו בו מלאכי אלקים, אז עס האבן זיך דארט באגעגענט די מלאכים, האט ער גערופן דעם פלאץ מחניים, דאס איז א פלאץ ווי עס קענען זיין ביידע מחנות. געווענליך קען דאך נישט זיין נאר איין מחנה, איז מען אין ארץ ישראל, איז דא נאר ארץ ישראל. איז מען אין חוץ לארץ איז נאר חוץ לארץ. און דא איז געווען ביידע צוזאמען, האט ער גערופן דעם פלאץ מחניים.

*

**איך** האב געזעהן שטיין פונעם **סאטמארער רב זי"ע** (בקונטרס **לשון קדשו** פ' ויצא אות קעט), [עס איז דאך היינט די יומא הצלה פונעם סאטמארער רב זי"ע ועכ"י], האט ער געזאגט צו פארענטפערן דעם רמב"ן'ס קשיא, ווי אזוי קען זיין אז מלאכים פון ארץ ישראל זאלן זיין דא, ווען יעקב איז דאך נאך אין חוץ לארץ. זאגט ער, אז די גמרא (ברכות ח.) זאגט, אז מען האט געזאגט פאר רבי יוחנן, איכא סבי בבבל, עס זענען דא זקנים אין בבל. האט ער געפרעגט, זקנים אין בבל? למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה (דברים יא-כא), די ברכה איז נאר געגעבן געווארן אויף ארץ ישראל נישט אין חוץ לארץ. ווען מען האט אים געזאגט, אז די בני בבל זענען מקדמי ומחשכי לבי כנישתא, מען זיצט אין די בתי מדרשים, מען דאווענט און מען לערנט, היינו דאהני להו דאס האט זיי געהאלפן. זאגט דער **מהרש"א**, עס האט זיך גארנישט פארענטפערט, עס שטייט דאך נאר למען ירבו ימיכם על האדמה, עס איז דאך נישט על האדמה. זאגט דער מהרש"א אזוי ווי עתידים בתי כנסיות ובתי מדרשות אז זיי זאלן נקבע ווערן אין ארץ ישראל (מגילה כט.), קומט אויס איז אין יעדן בית המדרש שוין דא יעצט א קדושה פון ארץ ישראל, ווייל דאס גייט אמאל נקבע ווערן אין ארץ ישראל. ביים אייבערשטען איז דאך דער עבר מיטן עתיד אלעס די זעלבע. עס שטייט טאקע למען ירבו ימיכם על האדמה, נאר אויף ארץ ישראל, אבער ער האט געהערט אז מקדמי ומחשכי לבי כנישתא, קומט דאך אויס אז דאס וועט ווערן א חלק פון ארץ ישראל, האט עס שוין יעצט די קדושה פון ארץ ישראל, מיט די סגולה פון ארץ ישראל, אז למען ירבו ימיכם על האדמה.

**יעקב** האט דאך געהאט א בית המדרש, ער איז געווען א זקן ויושב בישיבה (יומא כח:), און אין א בית המדרש איז דאך דא ארץ ישראל, האט געקענט זיין ביי יעקב אבינו מלאכי ארץ ישראל, אפילו ווען ער איז געווען אין חוץ לארץ, ווייל אין בית המדרש האט ער געהאט מלאכי ארץ ישראל וואס זענען אראפגעקומען דא. פרעגט ער, פארוואס דעמאלטס האט ער נישט געהאט ביז יעצט, וואס איז פונקט יעצט דער ויפגעו בו מלאכי אלקים? זאגט ער, ווי לאנג יעקב איז געווען ביי לבן אין שטוב, איז געווען אזוי גרויס די טומאה דארט, אז דארט איז נישט אנגעקומען קדושת ארץ ישראל ביי לבן אין שטוב. יעצט ווען מען האט זיך אפגעטיילט, ויעקב הלך לדרכו פאר זיך אליין, און לבן איז צוריקגעגאנגען, ויפגעו בו מלאכי אלקים, האט ער געהאט דארט ארץ ישראל, עד כאן דבריו פונעם סאטמערער רב.

**איך** וויל צוגעבן א ווארט, א נקודה. עס שטייט אין רש"י (בראשית טו-יח), אז דער אייבערשטער האט צוגעזאגט פאר אברהם אבינו ארץ ישראל, צען לענדער וועט ער אונז געבן. זיבן האבן מיר באקומען ווען יודען זענען אריין אויף ארץ ישראל, דריי האבן מיר נאכנישט באקומען, און דאס גייען מיר ערשט באקומען לעתיד. די דריי זענען קיני, קניזי, קדמוני. רש"י טייטשט עס איבער, דאס איז עמון ומואב און אדום, דאס גייען מיר הערשט באקומען ווען משיח

וועט קומען. קומט דאך אויס, אז עמון ומואב און אדום, אפילו מיר האבן עס נאך נישט אלץ ארץ ישראל, אבער דער באשעפער האט אונז צוגעזאגט דאס לאנד, און ביים אייבערשטען איז דאך, אז דער עתיד דערפון וועט זיין ארץ ישראל, האט עס שוין אין הימל א קדושה פון ארץ ישראל.

**קען** מען זיך יעצט דינגען, מלאכי ארץ ישראל וואס קענען נישט ארויסגיין אויף חוץ לארץ, צו זיי קענען אראפגיין אויף עמון ומואב און אדום, ווייל דאס וועט דאך זיין ארץ ישראל. רש"י זאגט דארט אויפן פלאץ, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם, לך אתננה, איך געב עס פאר דיר. זאגט רש"י, ער האט עס דאך נישט געגעבן? זאגט רש"י, אז דער אייבערשטער זאגט, אז איך געב עס דיר, איז עס כאילו עס איז שוין געגעבן. קומט אויס, אז יעקב האט מסופק געווען צו ער קען שיקן צו עשו זיינע מלאכי ארץ ישראל וואס זענען אראפגעקומען. עשו איז דאך אין אדום, און אדום וועט דאך אמאל זיין ארץ ישראל, האט ער מסופק געווען צו מלאכי ארץ ישראל קענען אנקומען אויף אדום צו נישט.

**אזוי** ווי ער האט געזעהן אז עס איז געקומען פאר אים מלאכי ארץ ישראל, ווייל ער האט א בית המדרש דא, איז דאך דער טייטש אז א זאך וואס לעתיד וועט זיין אין ארץ ישראל, עתידין בתי כנסיות שיקבעו בארץ ישראל, האט עס שוין די קדושה פון ארץ ישראל, און עס קענען קומען מלאכי ארץ ישראל, קענען זיי דאך אויך קומען דעמאלטס אויף עמון ומואב און אדום, קען ער יעצט שיקן די מלאכים צו עשו. וישלח יעקב מלאכים לפניו, פון דעם וואס ער האט געזעהן אז די מלאכים זענען לפניו, אז זיי זענען יעצט דא ביי אים. פארוואס, ווייל עתידין בתי כנסיות שיקבעו בארץ ישראל, האט עס שוין דעם דין פון ארץ ישראל. אויב אזוי קען איך זיי שיקן אל עשו אחיו ארצה שעיר שדה אדום, כאטש עס איז חוץ לארץ, אבער עס גייט דאך אמאל זיין ארץ ישראל, האט עס שוין די קדושה פון ארץ ישראל, אז מלאכי ארץ ישראל קענען אהין אנקומען.

*

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **יעקב ראכליץ** הי"ו עב"ג בת הר"ר **פנחס ראטה** הי"ו, ולהחתונה של בן הר"ר **שלום צבי פריעדמאן** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בת הר"ר **יוסף זיכערמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **הלל וייס** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

*

***יום שני פרשת וישב***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **מרדכי אהרן** נ"ו בן הר"ר **יחזקאל שימשאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נתן ראזענבוים** הי"ו.

*

***יום שלישי פרשת וישב***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נתאספו קהל עדתינו לשמוח בשמחת עטרת ראשינו **מרן רבינו שליט"א**, שמחת התנאים של נכדו החתן המופלג בתוי"ש הרב **חיים מאיר** שליט"א, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק', עב"ג הכלה הבתולה המהוללה תחי', בת **הרה"ג רבי יהושע העשיל היילפרין שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד ראדומישלא ב"פ שליט"א, חתן כ"ק האדמו"ר מדעעש ומסב"ג שליט"א), שהתקיימה ברוב פאר והדר בבית מדרשנו הגדול, בהשתתפות הרבנים הגאוה"צ קרובי ומחותני המשפחה שליט"א.

אחר הריקודים ושתיית לחיים נשמעו דברי תורה מהמחותן **אבי הכלה שליט"א**, ומהסב **הגה"צ אב"ד ראדומישלא ב"פ שליט"א**. לאחר מכן סידר **רבינו שליט"א** את שטר התנאים, וכיבד את המחותן **כ"ק האדמו"ר מדעעש ומסב"ג שליט"א** בקריאת התנאים. לאחר שבירת הצלחת פרצו כל הקהל בשירה וזמרה

וריקודין למשך זמן. אחר הריקודין השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד השמחה.

אחר כך עברו מאות אנ"ש תלמידים וחסידים לברכת לחיים ואמירת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים שליט"א. ויהא רעוא שמשמחה זו יושפע שמחה ורב טוב לנו ולכל בני ישראל.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אודה** ה' מאד בפי ובתוך רבים אהללנו, ביי א עת שמחה דארף א יוד אפגעבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען, ובתוך רבים אהללנו, ווען עס קומען זיך צוזאם גוטע פריינד, און פרייען זיך מיט, מיט די שמחה. איך וויל געבן א שבח והודאה, אז מען דערלעבט א שמחה ביי א קינד, א אייניקל, סעודת תנאים פון מיין חשוב'ען אייניקל חיים מאיר זאל זיין געזונט. ער איז פון מיינע חשוב'סטע אייניקלעך, ער האט געלערנט ביי אונז אין ישיבה, פון די בר מצוה אן כמעט ביז יעצט. אויפגעצויגן געווארן צוזאמען, און פלייסיג געלערנט אלע יארן, ב"ה יעצט שטייט ער ביים ענדיגן דעם ערשטן חלק יורה דעה, נעמען הוראה, א גרויס חלק האב איך אים שוין פארהערט. דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, אז ער נעמט א בת תלמיד חכם, ער קומט אריין אין די שטוב פון דעם חשוב'ען מחותן, חשוב'ע זיידעס פון אלע צדדים, די וואס לעבן מיט אונז, און זענען זיך משתתף אין די שמחה. די חשוב'ע זיידעס פון אלע צדדים למעלה בקודש, זאל זייער זכות ביישטיין, אז זיי זאלן קענען אויפשטעלן א שיינע ערליכע יודישע שטוב, א בית נאמן בישראל.

**דער** חשוב'ער מחותן האט שוין פריער ארויסגעברענגט, אז אין די פרשה פון ביכורים שטייט, אז א יוד טאר נישט זיין קיין כפוי טובה. מען דארף שטענדיג געדענקן, און מכיר זיין די חסדי ה' וואס דער אייבערשטער טוט מיט דעם מענטש שטענדיג, און שטענדיג דאנקן דעם אייבערשטען אויף וואס דער באשעפער האט אים געגעבן. - עס איז דא א גמרא (עבודה זרה ה:), אז אדם הראשון איז געווען א כפוי טובה פארן אייבערשטען. דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען די מצוה פון נישט עסן פונעם עץ הדעת, און ער איז אדורכגעפאלן, חוה האט אים צוגערעדט ער זאל יא עסן. און דער אייבערשטער האט אים פארגעהאלטן אויף דעם וואס ער האט געגעסן פונעם עץ הדעת, און ער האט געזאגט פארן אייבערשטען, האשה אשר נתתה עמדי, היא נתנה לי מן העץ ואוכל (בראשית ג-יב), די אשה וואס דו האסט מיר געגעבן, זי האט מיר געגעבן פונעם עץ הדעת איך זאל עסן. זאגט די גמרא, אז דאס איז געווען א כפוי טובה, ער האט נישט אנערקענט די גוטס וואס דער אייבערשטער האט מיט אים געטון. דער באשעפער האט אים געגעבן א זיווג, לא טוב היות האדם לבדו אעשה לו עזר כנגדו (שם ב-יח), עס איז נישט גוט אז דו זאלסט בלייבן אליינס, איך גיי דיר געבן א הילף. נאכדעם ווארפסטו מיר פאר, און דו זאגסט מיר, האשה אשר נתתה עמדי הוא נתנה לי מן העץ ואוכל. כאטש עס איז געווען אמת, זי האט אים טאקע געגעבן מן העץ, אבער וואס האסטו געדארפט ארויסברענגען בשעת דו זאגסט פארן אייבערשטען 'אשר נתתה עמדי'. וואלסט געדארפט זאגן, האשה נתנה לי מן העץ ואוכל, זי האט מיר געגעבן. דו טוסט ארויסברענגען האשה אשר נתתה עמדי, דו ביסט שולדיג, דו האסט עס מיר געגעבן, וועגן דעם האב איך געגעסן, דאס איז א כפוי טובה. ער האט נישט ארויסגעברענגט דעם דאנק פארן אייבערשטען אויף דעם גוטס וואס דער באשעפער האט אים געגעבן זיין זיווג.

**איך** האב געטראכט, אדם הראשון איז דאך געווען א חסיד גדול, אזוי שטייט אין די גמרא (עירובין יח:), מיר האבן נישט קיין השגה וואס דאס איז געווען דער אדם הראשון, יציר כפיו של הקב"ה. די מדרש (תנחומא אחרי ב) זאגט, עקבו מכהה גלגל של חמה, אזוי האט אדם הראשון געלאכטן. פארוואס האט ער טאקע געזאגט פארן אייבערשטען, האשה אשר נתתה עמדי הוא נתנה לי מן העץ ואוכל.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים (עיין **בערבי נחל** בפרשתנו דרוש ג'), מען ווייסט אז נסיון העושר איז א גרויסער נסיון. ווען דער אייבערשטער גיט פאר א מענטש אלעס וואס ער דארף, און מער וויפיל ער דארף צו האבן, ברענגט עס אסאך מאל צו, ורם לבבך ושכחת את ה' אלקיך (דברים ח-יב). ווען א מענטש גייט אים גוט, עס פעלט אים גארנישט, הייבט ער אן צוביסלעך נאכצולאזן, נאכצוגיין נאך די תענוגים. ער הייבט אן צו גיין אויף וויקעישאנס, איין פלאץ, א צווייטן פלאץ, א דריטן פלאץ. ער האט דאך געלט, ער קען

ארומפארן אין די וועלט, ער קומט אן איבעראל, ער דרייט זיך מיט פארשידענע מענטשן, און צוביסלעך צוביסלעך קלעבט זיך אן פון די גאס, ער הייבט זיך אן אוועקצוציען פון א היימישן געגנט, ער גייט ארויס אין א שוואכערן געגנט, דארט קען ער האבן א שנערע הויז, דארט קען ער האבן מער ברייטער, קיינער וועט אים נישט נאכקוקן וואס ער טוט. עס נעמט א שטיק צייט, ביז ער דערזעהט זיך שפעטער ווי ווייט ער איז אוועקגעגאנגען פונעם ריכטיגן וועג. די נסיון העושר איז ורם לבבך ושכחת את ה' אלקיך.

**זאגט** דער הייליגער ערבי נחל, אז דאס איז נאר ביי איינעם וואס זיין עשירות איז אים געקומען דורך זיין מזל. מזל מחכים מזל מעשיר, זאגט די גמרא (שבת קנו.). יעדער מענטש לויט די מזל וואס ער איז געבוירען געווארן, לויט דעם ווערן זיינע ענינים. חכמה, זאגט די גמרא, ווענדט זיך אין וועלכן מזל מען איז געבוירען געווארן. איינער איז מער חכם, איינער איז ווייניגער. עשירות, עניות, ווענדט זיך אויך אין דעם מזל וואס מען איז געבוירען. דאס וואס א מענטש באקומט בדרך הטבע, ווייל ער איז געבוירען געווארן אין א מזל פון עשירות, דאס קען אראפ פירן א מענטש פונעם ריכטיגן וועג. אבער טאמער א מענטש באקומט די עשירות אלץ א ברכה פונעם אייבערשטען. ער האט געטון דברים טובים, און דער אייבערשטער בענטשט אים. די ברכה וואס מען באקומט פונעם אייבערשטען, איז מאתו לא תצא הרעות (איכה ג-לח), פון דעם קען נישט ארויסקומען קיין שלעכטס. אז דער אייבערשטער האט דיך געבענטשט, א ברכה ווען עס קומט ארויס דערפון א שלעכטס, איז נישט קיין ברכה. א ברכה וואס מען באקומט פונעם אייבערשטען, דאס קען נישט ברענגען קיין שלעכטס, עס קען נישט צוברענגען אז די עשירות זאל אים אראפ פירן פונעם ריכטיגן וועג. ברכת ה' היא תעשיר, ולא תוסיף עצב עמה (משלי י-כב). 'ברכת ה', אז די ברכה קומט פונעם אייבערשטען, 'תעשיר', און מען ווערט אן עושר, אבער 'לא תוסיף עצב עמה', דער עשירות וועט נישט מיטברענגען מיט זיך קיין נאכווייען. א זאך וואס קומט פונעם אייבערשטען אליין, איז נישט שייך עס זאל זיין דערין שלעכטס. ווייל אז יא, איז עס נישט קיין טוב.

**עס** קען זיין, אדם הראשון האט געזאגט פארן אייבערשטען, דו האסט מיר געזאגט לא טוב היות האדם לבדו, עס איז נישט גוט אז איך זאל זיין אליין, אעשה לו עזר כנגדו, דו גייסט מיר מאכן א עזר, א הילף, וואס עס זאל זיין גוט. האב איך געטראכט, אז דו געבסט מיר אזא טובה, דו זארגסט זיך פאר מיין טובה, און דו געבסט מיר א אשה, איז נישט מעגליך אז פון די אשה זאל קענען ארויסקומען א רעה פאר מיר, אז זי זאל מיר געבן צו עסן פונעם עץ הדעת, און איך זאל נכשל ווערן. ווייל טאמער קען ארויסקומען פון איר א רעה, איז עס דאך נישט קיין טובה וואס דו האסט געטון מיט מיר. לא טוב היות האדם לבדו, וואס האסטו געטון, דו האסט מיר געגעבן א אשה, וואס די אשה האט מיך צוגעברענגט צו זינדיגן? האט אדם הראשון געטראכט, אז עס איז נישט מעגליך אז די אשה וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן, זאל אים קענען מפתה זיין פאר א זאך וואס איז נישט אויסגעהאלטן, דאס קען נישט זיין. און אז זי האט אזוי געזאגט, האט ער זיך געלאזט איבעררעדן, מן הסתם איז נישט אזוי געפערליך, זי האט מן הסתם מסביר געווען פארוואס מען מעג עס טון, און ער איז נכשל געווארן. ער האט עס ארויסגעברענגט פאר זיך פאר א מליצה, האשה אשר נתתה עמדי, דו האסט עס מיר געגעבן, און אז דו האסט עס מיר געגעבן, האב איך נישט געדארפט חלום'ן אז דא איז דא עפעס א זאך וואס עס קען ארויסקומען דערפון א דבר רעה, איז וועגן דעם האב איך זיך פארלאזט אויף איר, הוא נתנה לי מן העץ ואוכל, און איך האב געגעסן.

**און** באמת, איז עס א גערעכטע טענה. אז דער אייבערשטער האט אים געגעבן א טוב, ווי קען טאקע ארויסקומען דערפון א שלעכטס? נאר דער אייבערשטער האט געגעבן פאר יעדן מענטש א בחירה! יעדער מענטש קען בוחר זיין. וויפיל גוטס דער אייבערשטער זאל געבן פאר א מענטש, האט ער נאך אלץ א בחירה בוחר צו זיין צו גיין אויפן ריכטיגן וועג צו נישט. די אשה חוה, האט דער אייבערשטער באשאפן עצם מעצמי, א חלק פון אדם הראשון. אדם הראשון האט אויך געהאט א בחירה, כאטש ער איז געווען יציר כפיו של הקב"ה. איז חוה וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן, האט אויך א בחירה. ווען עס קומט צו יודישקייט וואלט ער זיך נישט געדארפט פארלאזן, און זאגן, מן הסתם אז זי האט עס געגעבן, איז עס גוט. דאס איז געווען די נקודה פונעם חטא פון אדם הראשון. אבער דאס

וואס ער האט געזאגט האשה אשר נתתה עמדי, איז נישט ווייל ער האט כופה געווען אין די טובה פונעם אייבערשטען, נאר ווייל ער האט מכיר געווען די טובה פונעם אייבערשטען, האט ער געטראכט אז עס קען נישט ארויסקומען פון דעם קיין שלעכטס.

*

**מען** געפינט ביי יעקב אבינו, ווען ער איז געגאנגען טון א שידוך, דרש'נט דער מדרש (ב"ר סח-ב) אויף אים, דעם פסוק (תהלים קכא-א) שיר למעלות אשא עיני אל ההרים מאין יבוא עזרי. ער איז געווען פארצווייפלט, פון וואו וועט ער באקומען זיין הילף. מאין יבוא עזרי, עזר גייט דאך ארויף אויפן שידוך פונעם מענטש, אעשה לו עזר כנגדו. ער האט זיך מחזק געווען, עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ, דער אייבערשטער וואס איז עושה שמים וארץ וועט מיר געבן מיין עזר.

**עס** קען זיין א נקודה וואס עס ליגט דערין. די גמרא (סוטה יז.) זאגט, איש ואשה זכו, שכינה שרויה ביניהם, לא זכו אש אוכלתן. אין איש איז דא א יו"ד, אין אשה איז דא א ה"א, דאס איז דעם אייבערשטען'ס נאמען י-ה. זכו אז מען איז זוכה, זיי פירן זיך אויף ערליך, איז דא דארטן השראת השכינה, די יו"ד מיט די ה"א. לא זכו, אז מען איז נישט זוכה, גייט אוועק די שכינה די יו"ד מיט די ה"א, עס בלייבט אש, אש אוכלתן. וואס איז דער ענין אז אין איש האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט א יו"ד, אין אשה האט ער אריינגעלייגט א ה"א, און דער יו"ד ה"א דאס איז דער איש ואשה, וואס איז א חיבור איינס מיט דאס אנדערע.

**איך** האב געהערט אמאל טייטשן, מען זאגט יעדן צופרי ברכות, מען דאנקט דעם אייבערשטען שלא עשנו גוי, שלא עשנו עבד, שלא עשנו אשה און אזוי ווייטער. א אשה זאגט אויך די ברכות, אבער זיי זאגן דעם נוסח, שעשני כרצונו, דער אייבערשטער האט מיך באשאפן אזוי ווי זיין רצון. וואס איז דער שעשני כרצונו, דער אייבערשטער האט מיך באשאפן אזוי ווי זיין רצון. דער פשט דערפון איז, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן אדם הראשון האט ער געזאגט (בראשית א-כו), נעשה אדם בצלמנו כדמותנו. זאגט רש"י, ער האט זיך באראטן מיט די מלאכים, נעשה אדם? זאל מען באשאפן א מענטש? און עס איז געווען א דיון, יא צו ניין, און דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש. מען געפונט נישט ווען דער אייבערשטער האט באשאפן חוה, אז ער זאל זיך נמלך זיין, און פרעגן, זאל איך באשאפן חוה צו נישט. ביי אדם געפונט מען אז דער אייבערשטער האט זיך נמלך געווען, און ביי די אשה געפונט מען נישט, נאר זי איז באשאפן געווארן אן קיינעם'ס אריינמישן זיך, נאר כרצונו, דו האסט מיך באשאפן אזוי ווי דיין רצון איז געווען. ביים אדם האסטו געפרעגט אנדערע א מיינונג, אבער ביי די אשה האט דער אייבערשטער נישט געפרעגט קיין מיינונג פון א צווייטן, שעשני, דער אייבערשטער האט מיך באשאפן, כרצונו, אזוי ווי זיין רצון איז געווען.

**די** גמרא (חולין ס.) זאגט, אז יעדע בעל חי וואס דער אייבערשטער האט באשאפן ביי ששת ימי בראשית, האט אים דער אייבערשטער קודם געפרעגט, איך וויל דיך באשאפן, איך וועל דיר זאגן ווי אזוי דו וועסט אויסזעהן, איך וועל דיר זאגן וואס דיין תפקיד וועט זיין, זאג מיר צו דו ביסט מסכים איך זאל דיך באשאפן. און יעדע בעל חי האט געענטפערט פארן אייבערשטען, יא. אז נישט, וואלט דער אייבערשטער נישט באשאפן. אזוי שטייט אין די גמרא, אלעס וואס דער באשעפער האט באשאפן אין ששת ימי בראשית, לדעתן נבראו, לצביונן נבראו, זאגט רש"י, ער האט זיי געפרעגט, והם ניאותו, און זיי האבן מסכים געווען צו ווערן באשאפן.

**איך** מיין אז ווען דער אייבערשטער האט באשאפן חוה, האט ער מסתם אויך געפרעגט חוה, איך וויל דיך באשאפן, צו דו ביסט גרייט צו באשאפן ווערן, און זי האט מסכים געווען. זי איז דאך נישט ערגער פון א בעל חי וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, האט ער איר אויך געפרעגט, און עס איז לדעתה נבראו. קומט אויס, יעדער בעל חי איז באשאפן געווארן לדעתן, און חוה האט אויך דער אייבערשטער באשאפן לדעתה.

*

**וואס** עס האט מיר נאר גערידערט איז, דער אייבערשטער האט געזאגט לא טוב היות האדם לבדו, עס איז נישט גוט אדם הראשון זאל זיין אליין, אעשה לו עזר כנגדו. און דער אייבערשטער איז געגאנגען, און ער האט איינגעשלעפט אדם הראשון, און ארויסגענומען פון אים א צלע, ויבן לו אשה, ער

האט באשאפן דערפון א פרוי. פארוואס האט דער אייבערשטער נישט איבערגעשמועסט קודם מיט אדם הראשון, ווילסט חתונה האבן? ווילסט האבן א ווייב צו נישט? מען געפונט נישט אז דער אייבערשטער זאל זיך נמלך זיין מיט אים. דער אייבערשטער האט געזאגט, לא טוב היות אדם לבדו, גייט ער און ער באשאפט אים א אשה, און ער זאגט אים, איך האב דיר צוגעגרייט א שידוך, ער האט אים איינגעשלעפט, אפערירט, און עס איז דערנאך. פארוואס האט דער אייבערשטער נישט געפרעגט אדם הראשון, צו ער איז מסכים?

**איך** מיין אז דער פשט דערפון איז, עס שטייט פון פריער'דיגע (עיין **בשו"ת נודע ביהודה** מהדו"ק אה"ע סימן סט ד"ה ומה שעלה), זיי ברענגען צו פון חכמי הטבע, אז א אמת'דיגער זיווג איז נאר א זיווג ווען ביידע האבן נישט די זעלבע נאטורן. אויב ביידע האבן די זעלבע נאטורן, די זעלבע מדות, שטימט נישט איינס מיט דאס אנדערע. עס מוז זיין צוויי ערליי נאטורן, דער איש דארף האבן אן אנדערע נאטור, און די אשה דארף האבן א אנדערע נאטור, דעמאלטס קענען זיי זוכה זיין צו האבן קינדער. וועגן דעם האט דער אייבערשטער געזאגט, אעשה לו עזר כנגדו, ווי אזוי וועל איך אים מאכן אן עזר, איך וועל אים באשאפן א כנגדו, איינער וואס האט נישט די זעלבע נאטור פון אים, און דאס וועט זיין א געהעריגע זיווג. דער **חיד"א** אין **דבש לפי** (מערכת ז-יג) ברענגט צו דעם ווארט פונעם **רמ"ע מפאנו**, אז עס קען נישט זיין קיין זיווג וואס זאל זיך האלטן און האבן תולדות, נאר ווען זיי זענען נישט אויף די זעלבע נאטורן, זיי האבן נישט די זעלבע אייגענשאפטן. און ער זאגט, ורמזו, מען האט מרמז געווען, אז דאס ליגט אין די גמרא (חולין ס:) אז אי אפשר לשני מלאכים שישתמש"ו בכתר אחד, דאס גייט ארויף, טאמער זיי זענען ביידע אייניג, קענען זיי נישט אויפשטעלן א שטוב. - קומט אויס, אז ווען דער אייבערשטער האט באשאפן חוה, האט ער איר באשאפן מיט אנדערע נאטורן ווי אדם הראשון איז געווען.

**ווען** דער אייבערשטער זאל פרעגן אדם הראשון פארדעם, און זאגן, לא טוב היות האדם לבדו, איך וויל דיר באשאפן א ווייב. וועט אדם הראשון פרעגן מה טובה? וועט דער אייבערשטער זאגן, אז זי וועט זיין פונקט פארקערט פון דיר. ווען דיר וועט זיין קאלט וועט איר זיין ווארעם. ווען דו וועסט ליב האבן איין זאך, וועט זי ליב האבן עפעס אנדערש. ווען דו וועסט זיין פרייליך, וועט זי זיין מאאד"י. ווען דו וועסט זיין רוהיג, וועט זי זיין אומרוהיג. ווען דו וועסט נישט וועלן קיין סאך רעדן, וועט זי דרשנ'ען, און אזוי ווייטער. עס איז אעשה לו עזר כנגדו. וואלט אדם הראשון געזאגט, רבונו של עולם, עס איז גוט אזוי... לאז מיך אליין. דו געבסט מיר דא אן עזר אין שטוב, וואס אונז זאל מיר א גאנצן טאג נישט זיין אויפן זעלבן פעידז"ש. ער וואלט געזאגט, ער איז נישט מסכים.

**דער** אייבערשטער האט אבער דאך געוואוסט אז עס איז יא טוב פאר א מענטש ער זאל חתונה האבן, און דאס איז זיין טובה, ווען דער כנגדו איז אנדערש, האט דער אייבערשטער נישט געפרעגט אדם הראשון. לא טוב היות האדם לבדו, דו וועסט ממילא נישט פארשטיין אז א כנגדו איז גוט. איך וועל דיר געבן א אשה עס זאל זיין צוגעפאסט, און פון דעם איז ארויסגעקומען שפעטער די גאנצע וועלט.

**זיווגים** איז מן השמים. דער אייבערשטער האט פאר יעדן איינעם אנגעשריבן ארבעים יום קודם יצירת הולד, בת פלוני לפלוני (סוטה ב.), אז דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש, ווייסט ער זיין נאטור, און ער זוכט אויס דירעקט איינער וואס האט נישט די זעלבע נאטור, וואס דאס זאל זיין די בת פלוני לפלוני. **מען זעהט אין די יודישע גוי'אישע וועלט, אז פאר א שידוך גייט מען ארויס, מען וויל זיך באקענען, איין מאל, צוויי מאל, דריי מאל, מערערע מאל. ער וויל וויסן, צו זי איז ממש אזוי ווי אים, צו נישט. צו זי האט ממש מיין נאטור, צו נישט. און טאמער זי האט נישט מיין נאטור, אפשר זענען מיר נישט איינס פאר דאס אנדערע. און מען גריבלט אזוי סאך צו וויסן אז מען זאל זיין ממש אויף איין נאטור - און מען טרעפט דאך עס נישט - איז ממילא גייט נאך א שידוך נאך א שידוך, און מען קען זיך נישט צופאסן.**

**ביי אונז ב"ה, וויפיל שידוכים וואס ווערן געשלאסן ביי יודישע שטובער, מען פארלאזט זיך אויפן רבונו של עולם. דער אייבערשטער ווייסט וואס עס איז גוט, דער אייבערשטער האט מזמין געווען פאר יעדן איינעם זיינס. גריבל נישט מיין נאטור און איר נאטור.**

**עס איז ערליך, וואויל, פיין, א גוטע שטוב, שליסט מען א שידוך.** דאס איז דער בת פלוני לפלוני וואס מען רופט אויס פאר דעם. מיר קענען זיך נישט אליין קלויבן, מיר זוכן זיך נישט אליין אויסצוקלויבן, מיר טוען זיך ארויפווארפן אויפן אייבערשטען, אזוי ווי דער אייבערשטער פירט עס. דער שידוך נישט, קומט א צווייטער שידוך, וכדומה. אבער אלעס איז השלך על ה' יהבך, מען פארלאזט זיך אויפן אייבערשטען.

**די** גמרא (מנחות כט:) זאגט, עולה הזה נברא בה"א, דער עולם הזה אין באשאפן געווארן מיט די אות ה"א, ועולם הבא נברא ביו"ד, און דער עולם הבא איז באשאפן געווארן מיטן אות יו"ד. קומט אויס, אז דער אות ה' מיט דעם אות י', זענען צוויי אנדערע וועלטן. און אזוי איז אויך א איש מיט א אשה. א מאן מיט א פרוי זענען צוויי אנדערע נאטורן, צוויי אנדערע וועלטן. און אויב נעמט אוועק דעם איש און אשה, די צוויי אותיות י-ה, די צוויי וועלטן, און זיי ווערן אייניג, ווערט דערפון אש, און אש אוכלתן.

**און** דאס האט יעקב אבינו געזאגט אויף זיין זיווג, אשא עיני אל ההרים מאין יבא 'עזרי', ווי אזוי וועט אויסזעהן מיין זיווג, וואס דער אייבערשטער האט געזאגט אעשה לו 'עזר' כנגדו. האט ער געזאגט עזרי מעם ה' עושה 'שמים וארץ', אזוי ווי מען זעהט אז דער הימל מיט די ערד זענען זייער ווייט איינער פונעם אנדערן, דער ערד איז גשמי, און די הימל איז א רוחני, אבער דורך די עבודה פונעם מענטש קומען זיי צו, צו זייער שלימות, וואס דער מענטש איז מעלה אלע עניני גשמיים צו עבודת ה'. אויף דעם זעלבן וועג איז דער זיווג פון א מענטש, אעשה לו עזר כנגדו, די כנגדו איז אים א עזר. און נאר דער אייבערשטער וואס איז מכיר די טבע פון יעדן מענטש, ער קען מזווג זיין א פאר פאלק, אז זיי זאלן זיין צוגעפאסט איינער צום אנדערן, און מען זאל קענען לעבן באהבה ואחוה שלום וריעות, ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ותקבל.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן דא ביי דעם שידוך, דער באשעפער האט צוגעשיקט אז עס איז ענבי הגפן בענבי הגפן, דבר נאה ומתקבל, א שטוב פון תורה און יראת שמים און ערליכקייט. דער חתן איז זיין שאיפה צו זיצן באהלה של תורה שטענדיג, און אויפשטעלן א שטוב וואס עס זאל זיין לשם ולתפארת פאר די אבות הק'. דער אייבערשטער האט געהאלפן יעצט, מען האט געשלאסן דעם שידוך מיטן חשוב'ן מחותן, אזא חשובע כלה א מושלמת, זאל דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן קענען אויפשטעלן אינאיינעם א שיינע יודישע שטוב, א בית נאמן בישראל.

**איך** וויל באדאנקן פאר די אלע וואס זענען זיך משתתף אין אונזער שמחה, און צוגעגעבן צו די שמחה, עס זאל זיין ביי ענק שטענדיג שמחות אין ענקער שטוב. פארלאזן זיך אויפן אייבערשטען, דער באשעפער וועט צושיקן פאר יעדן איינעם וואס ער דארף צו האבן, מען דארף זיין רוהיג ווען עס קומט צו זיווגים. אפילו עס נעמט אמאל לענגער, עס איז נישט אייביג אויסגערעכענט אז ווען דער מענטש מיינט אז עס דארף צו זיין, דעמאלטס דארף עס צו זיין. אבער אז מען פארלאזט זיך אויפן אייבערשטען, פירט דער אייבערשטער שטענדיג אין דעם ריכטיגן וועג.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיין א קשר של קיימא, און א בנין עדי עד, מען זאל זיך קענען שטענדיג פרייען איינער מיטן אנדערנס שמחות. איך וויל באגריסן מיין חשוב'ן ברודער דער **סערדאהעלער רב**, וואס האט זיך מטריח געווען, ער איז אליין געווען פארנומען מיט א מסיבה די נאכט. זאל דער אייבערשטער געבן שמחות ונחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך. אונז אלע זאל מיר זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, און אקעגן גיין משיח צדקינו. מען גייט דאך אריין אין די ליכטיגע טעג פון חנוכה, עס זאל שוין זיין ערכתי נר למשיחי, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת וישב***

*בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הגה"צ **רבי ישראל חיים מנשה פריעדמאן זצ"ל** ראב"ד דקהל יטב לב סאטמאר.*

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** ווען איך בין געווארן רב אין וויען, האט ער מיר געזאגט, אז מיט יארן צוריק, זענט איר געגאנגען אמאל מיט אייער טאטען (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל) אויפן גאס, און מען האט אייך נאכגעשריגען אויף די

גאס, און עס איז געווען א גרויסער בזיון דעמאלטס. און דעמאלטס האט מען אויסגערופן אין הימל, אז דעם זון וועט מען באגלייטן אמאל אויפן גאס מיט מוזיק אין בית המדרש (אחר דרשת ההכתרה ליוו את **רבינו שליט"א** בחוצות העיר בשירה וזמרה).

*

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **חיים אלעזר הירשפעלד** ע"ה.

*

***<u>יום חמישי פרשת וישב – ערב חנוכה</u>***

בתפלת שחרית עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה לרגל היארצייט של אמו הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים.

בשעות הערב (ליל א' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. קוטב הדברי תורה נסבו בענין מה שהקשו המפרשים דשמן המנורה צריכה להיות משמן זית ולא משמן נס, ותירצו דהנס לא היה בהשמן אלא בהאש שלא היה מכלה השמן, ונשאר השמן של הפך בשלימותה לשמונה ימים.

והאריך **רבינו שליט"א** לבאר דהדלקת המנורה היתה צריכה להיות מאש של המזבח העולה, ואש זה היה אש של מעלה שאינה מכלה, ושפיר לא נחסר כלום מהשמן שבפך, ויכלו להדליק אותה שמן שוב יום אחר יום.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת וישב</u>***

אחר התפלה התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שלמה יוסף** (ב"ר מרדכי) **נאה** הי"ו.

*

***<u>שבת קודש פרשת וישב</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל באר מים חיים זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"ז כסלו). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**.